**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט 68 מיליאן דאלאר געשאנקען צו ארויסהעלפן כמעט 1,300 הויזגעזונדן דורכאויס ניו יארק

***גרענט פינאנצירונג צוגעשטעלט פאר לאקאלע רעגירונגען און נאן-פראפיטס וועלכע העלפן ארויס היים-אייגנטומער, עלטערער און וועטעראנען***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט געמאלדן אז ניו יארק טוט אינוועסטירן מער ווי 68 מיליאן דאלאר צו ארויסהעלפן כמעט 1,300 נידריג-צו-מעסיגע איינקונפט הויזגעזונדן דורכאויס דעם סטעיט. די גרענטס פארטיילט דורך ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal, HCR) טוען צושטעלן פינאנציעלע הילף פאר איינצלנע מענטשן און פאמיליעס, אריינגערעכנט עלטערער ערוואקסענע און וועטעראנען, צו פארבעסערן צוטריטליכקייט, דורכפירן עמערדשענסי פאררעכטונגען, ערזעצן מעניופעקטשערד היימען און באקומען רענטעל הילף, ווי אויך פאר דאון-פעימענט הילף ביים איינקויפן אן ערשטע הויז. די היינטיגע מעלדונג איז טייל פון גאווארנער Hochul's (האקול) 25 ביליאן דאלאר ברייטע האוזינג פלאן וואס איז אויפ'ן וועג צו בויען אדער אפהיטן 100,000 עפארדעבל היימען דורכאויס דעם סטעיט.

"אדרעסירן די האוזינג קריזיס באדייט מער ווי בלויז שאפן נייע ערטער פאר מענטשן צו וואוינען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט די איבער 68 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג, קענען מיר העלפן כמעט 1,300 מענטשן און פאמיליעס צו מאכן די פאררעכטונגען און פארבעסערונגען וואס פעלן זיך אויס פאר זיי צו ווייטער קענען בלייבן פארזיכערטערהייט מיט א דאך איבער'ן קאפ סיי היינט און סיי אינעם צוקונפט."

**אווארדס לויט ראיאנען און האוזינג יוניטס אפעקטירט:**

- **קאפיטאל ראיאן:** 12,710,000 דאלאר פאר 201 היימען
- **צענטראל ניו יארק:** 4,418,000 דאלאר פאר 67 היימען
- **פינגער לעיקס:** 2,645,000 דאלאר פאר 42 היימען
- **לאנג איילענד, ניו יארק סיטי:** 2,800,000 דאלאר פאר 105 היימען
- **מיד האדסאן:** 5,874,135 דאלאר פאר 85 היימען
- **מאוהאק וואלי:** 6,229,828 דאלאר פאר 151 היימען
- **נארט קאנטרי:** 16,980,361 דאלאר פאר 270 היימען
- **סאוטערן טיער:** 12,775,091 דאלאר פאר 191 היימען
- **מערב ניו יארק:** 2,458,000 דאלאר פאר 92 היימען
- **צאמגעשטעלטע ראיאנען:** 1,650,000 דאלאר פאר 72 היימען

די אווארדס ווערן צוגעשטעלט דורך סטעיט און פעדעראל-פינאנצירטע פראגראמען: NYS HOME; NYS קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאק גרענט (NYS Community Development Block Grant); צוטריט צום היים; (Access to Home) צוטריט צום היים פאר העלדן; (Access to Home for Heroes) צוטריט צום היים פאר Medicaid (Access to Home for Medicaid); מאוביל און מעניופעקטשערד היים ערזעצונג (Mobile and Manufactured Home Replacement); און RESTORE.

HCR'ס אפיס פון קאמיוניטי באנייאונג טוט געבן די גרענט געלטער דירעקט פאר מוניציפאליטעטן און לאקאלע נאן-פראפיט ארגעניזאציס. בארעכטיגטע הויזגעזונדן קענען זיך דאן איינגעבן פאר הילף. יעדער פראגראם נעמט אן אפליקאציעס אין א יערליכע פארמעסטנדע פינאנצירונג רונדע. פאטענציאלע געניסער זאלן זיך פארבינדן מיט אזעלכע וואס האבן באקומען געלטער אין א געוויסע געגנט צו אויסגעפונען מער איבער גרענטס וואס מען קען באקומען.

א ליסטע פון אלע וואס האבן באקומען גרענטס קען מען זעהן אויף hcr.ny.gov/funding-awards.

- **NYS HOME** געלטער קענען גענוצט ווערן צו באקומען און/אדער פארערכטן סינגל-פאמיליע האוזינג, צושטעלן דאון פעימענט הילף, ערזעצן צופאלענע מאוביל און מעניופעקטשערד היימען, ווי אויך צושטעלן טענענט באזירטע רענט הילף פאר הויזגעזונדן מיט איינקונפט ביי אדער אונטער 80 פראצענט פון די געגנט'ס מידיען איינקונפט (Area Median Income).
- **NYS קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאק גרענט** שטעלט צו פעדעראלע געלטער צו ארויסהעלפן לאקאלע רעגירונגען מיט פראיעקטן וועלכע פארבעסערן קאמיוניטיס. האוזינג גרענטס קען גענוצט ווערן צו פארערכטן אייגנטומער-באוואוינטע אדער רענטער-באוואוינטע היימען און פריוואטע וואסער/אפלויף וואסער סיסטעם הילף.
- **צוטריט צום היים** שטעלט צו פינאנציעלע הילף צו מאכן היימען צוטריטליך פאר מענטשן מיט דיסאבליטיס אז זיי זאלן קענען פארזיכערטערהייט און באקוועמערהייט לעבן אין זייערע וואוינערטער אדער צוריקגיין וואוינען אין זייערע וואוינערטער אנשטאטס אין אן אנשטאלט.
- **צוטריט צום היים פאר העלדן** שטעלט צו פינאנציעלע הילף צו מאכן היימען צוטריטליך פאר וועטעראנען מיט דיסאביליטיס.
- **צוטריט צום היים פאר Medicaid** שטעלט צו פינאנציעלע הילף צו מאכן רעזידענטשעל יוניטס צוטריטליך פאר Medicaid מיטגלידער מיט דיסאביליטיס.
- **מאוביל און מעיופעקטשערד היים ערזעצונג** פראגראם טוט העלפן היים-אייגנטימער ערזעצן צופאלענע מאוביל אדער מעניופעקטשערד היימען וואס שטייען אויף לאנד אונטער די אייגנטום פון דעם היים-אייגנטומער מיט א נייע מעניופעקטשערד אדער מאדיולאר היים אדער א היים געבויעט-אויפ'ן ארט.
- **RESTORE** שטעלט צו פינאנציעלע ריסאורסעס צו ארויסהעלפן עלטערע ערוואקסענע דורכפירן עמערדשענסי פארערכטונגען און אדרעסירן קאוד פארלעצונגען וואס שטעלן א געפאר צו זייער געזונט און זיכערהייט אדער אפעקטירן די וואוינבארהייט פונעם היים.

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האט געזאגט**, "אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוען מיר נישט בלויז ברענגען האוזינג, נאר טוען אויך צושטעלן פער עלטערער ערוואקסענע, וועטעראנען, און די מיט ספעציעלע געברויכן א געלעגנהייט צו קענען פארבלייבן אין זייערע הייםען און אין די קאמיוניטיס וואס זיי ווילן. אונזער איבער 68 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג וועט העלפן כמעט 1,300 הויזגעזונדן צו מאכן עמערמדשענסי פארערכטונגען, פארבעסערן צוטריטליכקייט, און אפילו העלפן מענטשן קויפן זייער ערשטע היים. א דאנק פאר אונזער פילע רעגירונג און נאן-פראפיט שותפים פאר'ן אונז העלפן אויסשטרעקן א וויכטיגע לעבנס-ליניע פאר אזויפיל ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגליד Linda B. Rosenthal (לינדע ב. ראזענטאל) האט געזאגט,** "די איבער 68 מיליאן דאלאר אין גרענטס וואס ווערט פארטיילט ווערט אסאך אויפטוהן צו שאפן און אפהיטן עפארדעבל האוזינג אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. די פינאנצירונג, אריינגעשטעלט אין אונזער סטעיט בודזשעט אלס טייל פון גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פינעף-יעריגע עפארדעבל האוזינג פלאן, וועט צושטעלן א לעבנס-ליניע פאר הונדערטע נידריג- און מעסיגע-איינקונפט הויזגעזונדן וואס מוטשענען זיך צו זיך האלטן אויפ'ן וואסער. יעדער ניו יארקער איז בארעכטיגט צו א פארזיכערטע און סטאבילע פלאץ צו רופן 'היים' און די אינוועסטירונג וועט אונז ברענגען נאך א טריט נענטער צו יענער ציל."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. ארויפבויענדיג אויף די פארפליכטונג, רעכנט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 אריין מער פון 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע סטעיט פינאנצירונג פאר האוזינג, א פראבע פראגראם פון 'האוזינג צוטריט וואַוטשערס' (Housing Access Vouchers) און נייע פאליסיס צו פארמערן אפארדעביליטי פאר טענאנטס און מענטשן וואס קויפן א היים. די מאסנאמען ערגענצן די גאווערנער'ס פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, וואס איז אריינגערעכנט געווארן אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער פון 70,000 היימער זענען שוין געבויט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט.

די דורכגעפירטע בודזשעטס פאר פיסקאלע יאר 2025 און 2026 האבן אויך פארשטערקערט די גאווערנער'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם — וואס ערלויבט פאר סערטיפייד לאקאליטעטן צו באקומען אויסשליסליכע צוטריט צו ביז אזויפיל ווי 750 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וואס די סטעיט רעגירונג פארטיילט לויט איר שיקול הדעת. כמעט 400 קאמיוניטיס האבן באקומען פראו-האוזינג באשטעטיגונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()